# מטות

## החלצו מאתכם אנשים לצבא[1]

מ'האָט שוין פיל מאָל גערעדט, אַז די תורה רופט אָן דעם אידישן פאָלק "**צבאות** השם"[2], דעם אויבערשטנ'ס אַרמיי. און דערפון פאַרשטייט מען, אַז די גוטע סדרים וואָס זיינען איינגעפירט אין אַ גשמיות'דיקער אַרמיי, זיינען אויך פאַראַן אין דער רוחניות'דיקער אַרמיי פון "צבאות השם".

מ'זעט ווי עס פירט זיך אין יעדער אַרמיי [דערפאַר[3] וואָס אַזוי איז דאָס איינגעשטעלט געוואָרן דורך דעם אויבערשטן אין זיין אַרמיי, אין "צבאות השם"], אַז בשעת עס קומט-צו אַ ספּעציעלע מטרה (אַ ספּעציעלער ציל), און מ'דאַרף דאָס דורכפירן גאָר גיך, אויף דעם שנעלסטן אופן – נעמט מען אַריין אין דער אַרמיי נייע "רעזערוון", נייע "סאָלדזשערס", אין צוגאָב צו די וואָס זיינען געווען פון פריער.

איז אַזוי אויך אין דעם אויבערשטנ'ס אַרמיי, אין "צבאות השם":

אין אונזער דור, **דרא דעקבתא דמשיחא** (דער לעצטער דור פאַר משיח'ן), איז צוגעקומען די ספּעציעלע אויפגאַבע און ציל, אַז מ'דאַרף צואיילן און דערגרייכן דעם נצחון פון אַראָפּברענגען משיח'ן "**מהרה**", "נאַו".

> אין אונזער דור, דרא דעקבתא דמשיחא, איז צוגעקומען די ספּעציעלע אויפגאַבע און ציל, אַז מ'דאַרף אַראָפּברענגען משיח'ן "מהרה", "נאַו"

ובמילא, איז אין צוגאָב צו די "צבאות השם" וואָס זיינען געווען אין אַלע פריערדיקע דורות און זיינען דאָ איצטער – "רוקט" ער אַריין און שיקט אַריין נייע "רעזערוון", נייע "סאָלדזשערס", נייע אידישע קינדער, אינגעלעך און מיידעלעך, אַז זיי

ב"ה

שם: ______________________

איך האב גע'חזר'ט די שיחה פון פרשת מטות ביי די שבת טיש

חתימת ההורים: ______________________

זאָלן לערנען תורה און מקיים זיין מצוות, וואָס דאָס איז דער "נשק", דער "וואָפן", פון "צבאות השם",

און דורך דעם – דורכפירן אויף דעם שנעלסטן אופן דעם ציל וואָס דער אויבערשטער, דער "קאָמענדער-אין-טשיף" פון "צבאות השם", האָט געשטעלט פאַר אונזער דור – אַראָפּברענגען די גאולה אין אַן אופן פון "נאַו", דורך "**צמח דוד עבדך מהרה תצמיח**"[4].

אָון דאָס איז דער תפקיד און די שליחות פון יעדער אידישן קינד, אינגעלע און מיידעלע, וואו נאָר זיי געפינען זיך (וואָרום וואו נאָר זיי זיינען, געפינען זיי זיך דאָרט אַלס בן אברהם יצחק ויעקב[5] און בת שרה רבקה רחל ולאה[6]):

כדי צו נאָכמער פאַרשנעלערן דעם סוף פון גלות און די גאולה דורך משיח צדקנו – דאַרף מען האָבן נייע "רעזערוון", נייע "סאָלדזשערס", נייע "צבאות השם", וואָס זיי זאָלן פאַרשטאַרקן די "צבאות השם" וואָס זיינען פאַראַן ביז איצטער.

**כדי צו נאָכמער פאַרשנעלערן די גאולה דורך משיח צדקנו – דאַרף מען האָבן נייע "סאָלדזשערס" וואָס זיי זאָלן פאַרשטאַרקן די "צבאות השם"**

בעט דער אויבערשטער און ער גיט כח דערצו[7], אַז עס זאָלן צוקומען און "גע'דרעפט" ווערן נייע "צבאות השם" אין צוגאָב צו די פריערדיקע.

און דעריבער, אין צוגאָב דערצו וואָס יעדער קינד דאַרף אַליין בפועל אָנהייבן טאָן אין "צבאות השם", מיט דעם "נשק", דעם וואָפן, פון "צבאות השם" – לערנען תורה און מקיים זיין מצוות,

דאַרפן אידישע קינדער באַמיען זיך צו אַריינציען און "מאָביליזירן" נאָך אידישע קינדער, אַז זיי זאָלן "וואָלונטירן" צו אַריינגיין אין "צבאות השם".

ובפרט אַז אַ מיטגליד פון "צבאות השם" דאַרף דאָך מקיים זיין



די מצוה פון "**ואהבת לרעך כמוך**"[8], וואָס איז אַ "**כלל גדול בתורה**"[9]. ובמילא, ווען ער זעט אַ אידיש קינד וואָס איז נאָך ניט קיין מיטגליד פון "צבאות השם", לייגט ער זיך אַריין צו אַריינציען דעם קינד אין "צבאות השם", דורך רעדן האַרציק, און נאָך מער – דורך זיין אַ גוטערביישפּיל, און בשעת ער האָרעוועט שטאַרק אויף דעם, איז אַ זיכערע זאַך, אַז "**יגעת ומצאת**"[10] – מ'וועט מצליח זיין צו אַריינציען אים אין דער "אַרמיי".

אָון די **נייע** "רעזערוון", נוצנדיק דעם **זעלבן** "וואָפן" (וואָס די פריערדיקע האָבן גענוצט), די זעלבע מיטלען פון תורה און מצוות, וואָס דאָס איז אַן אייביקער וואָפן – וועלן זיכער מצליח זיין און צוברענגען דעם נצחון אויף דעם יצר,

און ברענגען דעם נצחון "נאַו", תיכף ומיד.

ווייל ווען "**ישראל עושין תשובה**", אידן (אָנהויבנדיק פון אידישע אינגעלעך און מיידעלעך, וואָס לערנען תורה און זיינען מקיים מצוות) טוען תשובה, איז "**מיד** הן נגאלין"[11], משיח קומט "נאַו".

און "לישועתך קוינו כל היום"[4]: אפילו אויב "**יתמהמה**"[12], אפילו אַז משיח פאַרהאַלט זיך אויף עטלעכע מינוט, אָדער אויף עטלעכע שעה, אָדער אויף אַ טאָג – איז "**קוינו כל היום**" – מ'האָפט און מ'בעט באַ דעם אויבערשטן דעם גאַנצן טאָג, אַז משיח זאָל קומען "נאַו" ממש,

גאולה האמיתית והשלימה ע"י "צמח דוד עבדך", מלכא משיחא.

(ג' דחוה"מ סוכות תשמ"א; כ"ה כסלו תשמ"א)

1) מטות לא, ג. 2) בא יב, מא. 3) דמלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיעא (ראה ברכות נח, א). 4) נוסח תפלת שמונה עשרה. 5) ראה ב"מ פג, א (במשנה). 6) ראה ברכות טז, ב. 7) ראה במדבר רבה פרשה יב, ג. 8) קדושים יט, יח. 9) תורת כהנים ופרש"י עה"פ. – מה""ב פסוקים ומאמרי חז"ל". 10) ראה מגילה ו, א – מה""ב פסוקים ומאמרי חז"ל". ראה לעיל כרך א' עמוד 299 ואילך. 11) רמב"ם הל' תשובה פרק ז' הלכה ה'. 12) ראה חבקוק ב, ג: אם יתמהמה חכה לו. ובלשון הידוע: ואע"פ שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא – נוסח אני מאמין (הנדפס בכמה סידורים) – ע"פ פירוש המשניות להרמב"ם סנהדרין הקדמה לפרק י' (עיקר הי"ב מי"ג העיקרים).